פרשת וארא, ג' שבט תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ס'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......4:35
מוצאי שבת......6:07

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### אייזיק ראטה

אופ'ן וועג אריין אין שטאט בין איך געפארן ביי א פלאץ וואו מען האלט אינמיטן קאנסטראקשן, וואס ביי אזעלכע פלעצער איז אלץ די ספיד לימיד נידעריגער ווי נארמאל, אינמיטן דורך פארן דעם פלאץ זעה איך א פאליס פארט מיר נאך, גלייך האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן "באשעפער העלף ער זאל מיר יעצט נישט אפשטעלן געבן א טיקעט, איך דארף אנקומען צו א שמחה, איך וויל נישט יעצט באקומען קיין טיקעט", אזוי בעטנדיג באמערק איך ווי דער קאר פארט אוועק פון מיין ריכטונג, איך קוק גוט זעה איך אז דאס איז נישט קיין פאליס. שכח אייבערשטער!

### שמואל דוד ברוין

א שטיק צייט צוריק האב איך געהאט געדינגען א קאר, איין טאג אין א שניי'ידיגן טאג פארנדיג אופ'ן וועג מיט'ן קאר האט מיר די פאליס אפגעשטעלט, שטילערהייט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר נישט געבן קיין טיקעט, נאכן נעמען מיין אינפארמאציע קומט ער צוריק און זאגט מיר "דיין קאר האט נישט קיין אינשורענס און אויך האסטו שניי אויפ'ן דאך, אבער איך גיי דיר יעצט נישט געבן קיין טיקעט". שכח אייבערשטער פאר די אפענע נס. (צו קלאר מאכן: נישט ארויסנעמען פון די מעשה אז מען קען פארן אן אינשורענס, די מעשה איז געווען אז די קאמפאני האט מיר עס פארדינגען אן אינשורענס אן לאזן וויסן).

### בענצי יאקאבאוויטש

א) איך האב געהאט א וויכטיגע צעטל ליגן ביי איינעם און יענער האט עס פארלוירן, איך האב זייער שטארק גדארפט האבן די צעטל, איך האב געבעטן די אייבערשטער איך זאל עס נאך קענען טרעפן, איין טאג רופט מיך אן דער איינגערמאן אז ער האט עס געטראפן, שכח אייבערשטער.

ב) מיין קאר אינשורענס איז געווען זייער הויך צוליב א עקסידענט פון א צייט צוריק, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן די לעצטע פאר חדשים איך זאל קענען האבן אינשורענס וואס קאסט נישט אזוי סאך, שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א קאמפאני וואס האט מיר געקענט געבן אינשורענס פאר א גוטע פרייז.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר ווילן וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובע'ר מגיד שיעור אין ישיבה קטנה קרית ברסלב ליבערטי

**הר"ר יעקב משה אינדארסקי שליט"א וזוגתו תחי'**

**צו די געבורט פון זייער אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

## נייעס אין שטעטל

### שיינע באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א

פארגאנגענעם דאנערשטאג שמות העעל"ט האט מען געהאט די זכיה צו האבן פאר א באזוך דעם ראש ישיבה שליט"א, גלייךביים אנקומען אין שטעטל איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעפארן צו די תלמוד תורה און איבערגעגעבן גאר א רייכע שמועס פאר די מחנכים, נאכן שיעור האט מען געקענט פרעגן פארשידענע שאלות פונעם ראש ישיבה, וואס איז געווארן גענטפערט מיט א קלארקייט, (מען קען הערן דעם שיעור אויף קול ברסלב, ביי די מלמדים שטיבל אפטיילונג).

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער אין בית המדרש וואו מען האט פארגעלערנט דעם דף גמרא, אזוי ווי עס איז שוין געווען נאנט צום זמן מנחה מעריב האט דער ראש ישיבה נישט געקענט אויסשמועסן שיינע ענינים נאכן פארלערנען דעם דף גמרא (א אינגערמאן האט זיך שפעטער באדאנקט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א פאר'ן קומען פארלערנען דעם דף גמרא, דאס האט געברענגט אז דער ראש ישיבה איז געקומען נאכאמאל פארלערנען דעם דף גמרא קומענדיגן זונטאג וארא).

דעם זונטאג וארא העעל"ט האט מען נאכאמאל געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה שליט"א פאר א באזוך אין שטעטל, אין די צייט ווען מען לערנט פאר דעם דף גמרא יעדן נאכט איז דער ראש ישיבה געקומען און פארגעלערנט דעם דף גמרא, און דערנאך פארגעלערנט דעם קומענדיגן דף גמרא פון מאנטאג וארא.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארום געשמועסט די וויכטיגקייט פון זיין בשלום אינדערהיים, דא אין שטעטל מוז מען האבן שלום בית, **דאס איז א תקנה ביי אונז אין שטעטל**, מען דארף זיך אלץ רעכענען איינער מיטן צווייטן און פארשטיין אז אסאך מאל וויל איך גיין אויף איין וועג און זי וויל פארקערט פון מיר, דאס איז די לעבן.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארום גערעדט פון זיין בשלום איינער מיטן צווייטן נאר אזוי קען זיך בויען א שטעטל, הער נישט אויס איינער וואס קומט דיר זאגן אז די ראש ישיבה האט געהייסן מאכן עסקנות אנטקעגן איינעם, נאר אדרבה זעהן צו טוהן חסד איינער פארן צווייטן (אויף דעם דארפסטו נישטווארטן דער ראש ישיבה זאל דיר פערזענליך אנרופן).

עס איז זייער וויכטיג צו קומען לערנען אין בית המדרש יעדן טאג, אזוי אויך זאל מען קומען לערנען דעם דף גמרא אינדערפרי ביים שיעור פון ר' יעקב משה אינדארסקי שליט"א, אדער ביינאכט ביים שיעור פון ר' יוסף שניטצלער שליט"א, דאס בלייבט פון א מענטש.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶכֶת שְׁבוּעוֹת; אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ מְסַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם מַסֶכֶת.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט שֵׂכֶל אַרַיין צוּ **כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא**, וָואס דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶעם סִיּוּם אִין יְשִׁיבָה, וָואס מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס הַאלְטְן מִיט דֶעם שִׁיעוּר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' מֶענְדֶעלֶע רִימֶענוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה קָבוּעַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אֵיין יָאר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּ גֵיין צוּם עָמוּד, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן פַארְן דַאוֶוענֶען אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען טְרֶעפְן, אַזוֹי זָאל מֶען דַארְפְן צוּ שִׁיקְן אַ צְוֵייטְן צוּם עָמוּד, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין דַאוֶוענֶען בִּיז וִוילַאנְג מֶען טְרֶעפְט אִים, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל צוּ שִׁיקְן אַ צְוֵייטְן צוּם עָמוּד. זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים אִים גֶעגַאנְגֶען זוּכְן, בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעטְרָאפְן דָארְט וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן. מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט גֵיין דַאוֶוענֶען בִּיז עֶר קוּמְט צוּרִיק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אַזוֹי וִוי יָאר יֶערְלִיךְ אֵייבִּיג.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט מֶען אִים גֶעמוּטְשֶׁעט עֶר זָאל פַארְצֵיילְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד, הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "כַּךְ מְקֻבְּלַנִי, אַז וֶוער עֶס אִיז אַ בַּעַל תְּפִלָּה רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב צוּ **לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג**, אָבֶער הֱיוֹת אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס פוּן מַיין שְׁטָאט פְּרִיסְטִיק צוּ קוּמֶען קַיין לִיזֶענְסְק, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַסַאךְ טִרְדוֹת, אִיז מִיר נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, הָאבּ אִיךְ מִיךְ בַּאהַאלְטְן, וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי צוּ דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט - וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען גְמָרָא, אַז דָאס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בַּיי דִי שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן הָאבּ אִיךְ פַארְצֵיילְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט בַּיי אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידִים. **אַ מַעֲשֶׂה פוּן אֱמוּנָה, אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה**, אַ מַעֲשֶׂה וָואס וַוייזְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יֵאוּשׁ. דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט פָארִיגֶע וָואךְ אוּן אִיךְ פַארְצֵייל עֶס וַוייל זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל דָאס מְפַרְסֵם זַיין.

וֶוען דִי פָּארְפָאלְק הָאבְּן זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז זֵיי וַוארְטְן אַ שִׂמְחָה זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט וָואס דֶער דָאקְטֶער הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, אַז עֶר זֶעט אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְט קִינְד לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער מִיט אַ גֶעוֵויין מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי מִיר צוּ פַארְצֵיילְן דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט לֹא עָלֵינוּ. אִיךְ הָאבּ אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר זָאל וִויסְן אַז מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן אַ יְשׁוּעָה. יֶעצְט הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ שִׂמְחָה, עֶס אִיז זֵיי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ גֶעזוּנְט קִינְד, הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דָאס מְפַרְסֵם זַיין וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי הֶעלְפְן וֶועלְן זֵיי **פַארְצֵיילְן דִי נִיסִים פַאר אַלֶעמֶען**, אַז יֶעדֶער זָאל זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה.

אוֹיךְ הָאט זִיךְ דִי מַאמֶע פָארְגֶענוּמֶען אַז זִי וֶועט מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אִיר קְלֵייד בַּיי אִיר הַאלְז זָאל זַיין צְנִיעוּת'דִיג, וַוייל דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר זֶעט אַז דִי הַאלְז פוּנֶעם קִינְד אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר וְכוּ'; זֶעט מֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת. אוֹיבּ אַ פְרוֹי גֶעבְּט אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי זִי טוּט זִיךְ אָן, זִי גֵייט נָאר אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: **"אִיךְ וֶועל רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ"** אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא אַ בְּרָכָה, אִיז דָא פַּרְנָסָה, אִיז דָא נַחַת, אִיז דָא אַלֶעס. אָבֶער אַז דִי פְרוֹי גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג טְרַייבְּט זִי אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אִיר שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים כג, טו): **"וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן הֵיילִיג, וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט פִירְן צְנִיעוּת'דִיג וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן אַייךְ".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט מְשׁוּגָע מַאכְן דַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ אָנְטוּן מֶער פְּרָאסְט וְכוּ', נָאר פַארְקֶערְט, דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן חִיזוּק אַז זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער בִּצְנִיעוּת, נִישְׁט זָאלְסְט אַרָאפְּרַייסְן אִיר צְנִיעוּת חַס וְשָׁלוֹם אוּן אִיר זָאגְן: "טוּ דִיר אָן מֶער פְּרָאסְט, מֶער אוֹיפְרַייסֶערִישׁ" וְכוּ'.

דִי מַעֲשֶׂה דַארְף דִיר גֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל קִיצֶל צוּ זֶען וִוי מֶען קֶען וֶוערְן אִין אֵיין מִינוּט אוּמְגְלִיקְלִיךְ אוּן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִיסִים פַאר דִי וָואס נֶעמֶען זִיךְ פָאר צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת.

דִי אַלֶע וָואס זָאגְן: "אִין בְּרֶסְלֶב קֶען מֶען טוּן וָואס מֶען וִויל" - דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; אִין בְּרֶסְלֶב דַארְף מֶען פָאלְגְן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט).

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַז דִי וַוייבּ זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת אוּן דִי טֶעכְטֶער זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת, בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ "אִין בְּרֶסְלֶב קֶען מֶען טוּן וָואס מֶען וִויל"; קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ פַאר אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר צְנִיעוּת (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס גֵייט בִּצְנִיעוּת וֶועט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין שְׁטָאלְץ מִיט אִיר אֵיידְלְקַייט אוּן בַּאשֵׁיידְנְקַייט. דוּ וֶועסְט אִיר זָאגְן: **"אִיךְ שֶׁעץ דִיר אַז דוּ גֵייסְט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל"**, "אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ", אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, אָמֵן.

...

**א) וועלכע מתנה האט דער הייליגער רבי געגעבן פאר זיין אייניקל ווען ער האט געבעטן דעם אייבערשטן דער רבי זאל האבן א רפואה שלימה?**

**ב) דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדרוקט: גלייך נאך ראש השנה בייג איך שוין צו די אויער צו הערן ווי דער.....**

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז ליבי אינדיג תחי'
תלמידה בית פיגא קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
אדער גיבט איבער די תירוצים פאר'ן מלמד אדער טיטשער.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) א ווייסע בארד און נאך אלץ א ברסלב'ע חסיד?!
ב) נעגל אויפן וועג


צו קויפן קמיע'ס און פרויען רעפלעקטערס
רופט העניך אינדיג
845-248-1651

מיר קויפן איבער אייערע קליידער פון שעטנז
רופט
משפחת גאלדבערגער פון קרית וויזניץ
קיימישע
845-796-2431

פאר אלע אייערע הויז און קאר אינשורענס געברויכן רופט דעם אינשורענס עקספערט
ישראל שלום דעלקאוויטש
347-661-2579